בחצרות
סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ד' | עשי"ת | ז' תשרי | תשע"ב | פסחים: ק"א:

# באריכט:

נעכטן נאכמיטאג ווען דער רבי שליט"א איז אנגעקומען אויף וויליאמסבורג צו געזעגענען אנשי שלומינו, איז דער רבי שליט"א געגאנגען מנחם אבל זיין ביי הרה"ג אב"ד קאלוב וויליאמסבורג שליט"א און זיינע ברידער שיחיו וועלכע זיצן אצינד שבעה ל"ע נאך זייער מוטער ע"ה.

דאן איז דער רבי שליט"א אנגעקומען מנחם אבל זיין הרה"ג אבד"ק ברעזנא שליט"א ואחיו החשובים שיחיו וועלכע זיצן אצינד שבעה ל"ע נאך זייער פאטער ז"ל.

~•~

## בקודש פנימה

בעת דער רבי שליט"א האט אויפגענומען דעם ציבור אנ"ש בביתו נאוה קודש, זענען די הנהלת אירגון אגודת ישראל פון אמעריקא אריין אל הקודש פנימה להתברך בברכת הקודש לרגל דאס ניי יאהר, און זיך באדאנקט פאר מרן רבינו שליט"א פאר די אויפטוען למען הדת דויכראוים דאס יאהר.

אויך איז האדמו"ר מ'גארליץ שליט"א, מחותניו הרה"ג ר' ליפא טייטלבוים שליט"א, והרה"ג ר' זלמן אשכנזי שליט"א אב"ד אויסטילא אריין אל הקודש פנימה לברך ולהתברך בברכת הקודש לרגל דעם נייעם יאהר.

~•~

היינט פארטאגס ביים מנין סליחות פון מרן רבינו שליט"א איז דער בעל תפילה געווען מוה"ר דוד שמואל גאלדבערגער הי"ו חבר הנהלת המתיבתא.

פאר'ן דאווענען האט דער רבי שליט"א געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר יעקב שטוהל הי"ו פון קרית יואל.

~•~

אין די מיטאג שעה'ן האט מרן רבינו שליט"א און בנו הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א פאררופן אן אסיפה בביתו נאוה קודש מיט אלע מנהלים רוחניים פון ישיבתינו הקדושות פון איבער גרעיטער ניו יארק ווי דער רבי שליט"א האט באהאנדלט פארשידענע וויכטיגע טעמע'ס העומדים על הפרק.

~•~

מארגן – דאנערשטאג – יום שלש עשרה מדות וועט אי"ה דער רבי שליט"א דאווענען שחרית – ווי יעדן

טאג – בביהמ"ד הגדול אין קרית יואל, דערנאך וועט מען זאגן אויסזאגן ספר תהלים נאכפאלגענדיג מיט קריאת הקרבנות, און דאן וועט אי"ה דער רבי' שליט"א גיין צו תשליךביים טייך אין קרית יואל.

⁂

הנהלת קהלתינו הק' האט היינט געמאלדן אז יום א' – ב' דחוה"מ – ליל אושפיזא דאהרן כהנא קדישא וועט אי"ה מרן רבינו שליט"א פראוועון בקרב קהלתינו הק' אין וויליאמסבורג ווי עס וועט דאן אויך פאהרקומען דער קריאת התנאים פון נכדו הבה"ח הרב זלמן לייב שליט"א בן הגה"צ אב"ד דקהלתינו וויליאמסבורג שליט"א מיט בת האדמו"ר מ'ספינקא שליט"א פון בארא פארק.

***-זמן שמחתינו-***

⁂

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**